Sholem Aleichem.
Mazl tov! : a komedye in eyn akt.
In : Ale verk, vol. 6.
Nyu York, 1937, c1921.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1908.18

Sholem Aleichem, 1859-1916.
Mazl tov! : a komedye in eyn akt.
In : Komedyes. Spetsyele "Morgn-frayheyt" oysg.
Nyu York : Morgn-frayheyt, 1937, c1921.
Pp. 135-167.
Ale verk fun Sholem-Aleykhem ; 6

1. Yiddish drama.--lcsh
I. United States-New York-New York II. Sholem Aleichem, 1859-1916.
Works. 1937 ; 6.

ID : NXYH01-B20780 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /12427

Reduction ratio X 10.0

מזל טוב!

אַ קאָמעדיע אין איין אַקט.

געשריבען אין יאָהר 1899.

די פאַרשוינען:

ב י י ל ע, א קעכין. איין אלמנה פון א יאהר עטליכע און דרייסיג. א יאַרעררינגע אידינע.

פ ר א ד ע ל, א שטוב־מיידעל. א שוואַרצ'חנ'עוודיגע.

ר ב א ל ט ע ר, איין ארעמער פאַקענטרעגער, גיט ביכלעך אויף פראַקאַט. א אידעל פון א יאהר פערציג. איין אלמן אדער א גרוש, און אפשר איין אלטער בחור. איין האלב פנים לאַכט, דאַס אנדערע וויינט. טראגט א קוימינע מאַנישקע מיט א צונעלענערט קאַפעלישעל. שרכנ'ט זיך צו דער קעכין.

ח י י ם, א משרת פונ'ם צווייטען הויז. א יונג א חוואט מיט א „סינגעט“. שרכנ'ט זיך צו פראדלען.

מ י ש א } דעם בעל־הבית'ס קינדער, א יונגעל און א מיידעל. רעדען האלב
מ א ש א } אידיש, האלב רוסיש.

מ א ד א ם, די בעל־הבית'טע אליין. באַווייזט זיך מיט'ן איבעריגען עולם נאר אין דער לעצטער סצענע אויף א ווײלע.

די געשיכטע קומט פאר אין קיך.

ערשטע סצענע.

בײלע [שטעהט מיט פארקאטשעטע ארבעל בײ׳ם אויוועז, קאכט. זינגט א ליעדעל].

אוי, וואו זענט איהר מײנע יונגע יאהרען?
אוי, וואו זענט איהר אהינגעקומען?
צי מיט׳ן פײער פארברענט געווארען?
צי מיט׳ן וואסער אוועקגעשוואומען?

אז אך און וועה איז צו מײנע שונאים, אז בײלע באדארף זײן א דיענסט בײ די יאהרען, און האבען אויף זיך אזא בעל־הבית׳טע, אזא „מאדאם", וואס נאר געזידעלט און נאר געפידעלט! א שענע נגידית! אײן ארעמאן א שטיקעל ברויט וועט זי דען געבען? די אײגענע קינדער אפילו זשאלעוועט זי עסען. איטליכען איז זי חושד: רק מע נאשט, רק מע גנבה׳ט! בײ איהר זענען אלע נאשערינס, אלע גנב׳טעס! [זי נעמט־אראפ אין א באזונדער טעפעל פון אלע מאכלים צו ביסלעך]. געננוג זײ זײן צו קרענקען, ווי זאגט רב אלטער: „ווינציגער זײן די ווערעם אין קבר"... [נעמט־אראפ נאך א שטיקעל פלײש]. נישקשה, מע וועט זיך באדרעהען... ע־ע־ע! ווי לאנג בין איך אלײן געוועזן א בעל־הבית׳טע בײ מײן טיש, מיט מײן מאן פסח צום סדר!... [זי זינגט].

אזוי ווי ס׳איז ביטער,
אז מע פעפערט ניט די פיש,
אזוי איז ביטער,
אז מע זיצט בײ א פרעמדען טיש.

אזוי ווי ס'איז ביטער
יויך אָהן א פאהן,
אזוי איז ביטער,
אז מע זיצט אָהן א מאַן.

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז דאָס עסען שמעקט מיט רויך,
אזוי איז ביטער,
אז מע ארבייט איבער'ן כח.

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז דאָס עסען האָט קיין טעם,
אזוי איז ביטער,
אז מע דיענט ביי אזא „מאדאם"...

ווער קלאַפּט דאָס דאָרטען אין דער טיר? מסתמא רב אלטער. א טייערער איד, א כשר'ער, איין עהרליכער, אָהן חכמות. האָרעוועט נעבאַך אויפ'ן שטיקעל ברויט, ווייסט ניט פון קיין וועלט צו זאָגען, גלייך מיט מיר... [עפענט די טיר. עס קומט אריין רב אלטער פון דרויסען מיט א פעקעל ספרים אונטער דער האַנט].

צווייטע סצענע.

רב אלטער [לעגט־אָפּ דאָס פעקעל אויף א זייט, מאַכט צורעכט דאָס בערדעל, ווישט זיך דעם שווייס מיט א רויטער פעטשיילע]. א גוטען אָווענט אייך, ביילע לעבען! וואָס מאַכט איהר גוטס? איך געה פארביי, איך זעה עס לייכט זיך, טראַכט איך מיר, מע דאַרף אריינגעהן אויף א ווייל'עטשקע... א גאַנצען טאָג איז מען אויף די פיס, פון שטוב צו שטוב, מע מיינט טאָמער — דיזען, דאָזען, דאָס און

יענס... וואָס איז ביי אייך פאַר א יום־טוב, ביילע, וואָס איהר קאָכט אזוי שפּעט?

ביילע. ווייסט זיי דער שווארצער יאָהר! א שמחה פּלוצים, פארשטעהרט זאָל איהר ווערען!... געקומען א חתן אָנקוקען אונזער מאַמזעליכען. עפּיס איינער א שוואַרץ־יאָהר מיט קנעפּלעך, ווייסט דער רוח דעם טאַטען... אָט וועט אריינגעהן פראַדעל, זי ווייסט... זיצט, רב אלטער, זעצט זיך. טאָמער וועט איהר טרינקען א גלעזעל טיי? צי א גלעזעל מילך? צי אפשר ביידע זאַכען אינאיינעם? און אפשר גאָר צוביייסען, עפּיס נעמען אין מויל אריין? [זי רוקט איהם אונטער אלע גוטע זאַכען].

רב אלטער. א דאַנק, למאי זאָלט איהר זיך מטריח זיין, ביילעניו? איך בין גאָר ניט אזוי שטאַרק הונגעריג. נאָר נאָרניט, אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט ער: אז אייך איז ליעב, איז מיר ניחא... [עסט]. איז ביי אייך, הייסט דאָס, היינט א שטיקעל יום־טוב? מהכתיתי, לאָז זיי גאָט העלפען, וואָס האָב איך צו זיי? אי, איך לייז ביי זיי קיין געלט ניט? למאי ס'איז דאָ, קיין עין־הרע, א סך אזעלכע סטיקראַטען, וואָס איך לייז ביי זיי קיין געלט ניט? אָט, אשטייגער, חאַפּט אָן אייער מאַדאַמשע... זי פלעגט מיר אמאָל געבען צו לייזען פאַר ביכלעך גאָר א סך געלט. נאָר פון א צייט אז זי האָט אויפגעהערט צו פארשטעהן זשאַרגאָן. פון זינט זי איז געקומען פון אויסלאַנד, האָט זי פארגעסען אונזער לשון, גלייך ווי זי האָט שוין פערציג יאָהר ניט געהאָרכט קיין אידיש וואָרט... אָט דאָס אויסלאַנד, הערט איהר, איז פאַר אונזער פרנסה איין אומגליק!

ביילע. וואו האָבען זיי צייט צו לייענען ביכלעך, אז טאָג ווי נאַכט ווייקט מען זיך אין די קאָרטען? קומט אויף דער נאַכט, קלויבט מען זיך צונויף אלע: פיינקוגעל און חינקיס און שטרודעל און ביינעלמאַן און קנאַקניסעל, און מע קלאַפּט אין „סטוקעלקע", קלאַפּען און סטוקען זאָל זיי אין קאָפּ, רבונו של עולם! איך דאַרף שטעהן ביי'ם אויווען:

קאָך זיי, בראָט זיי, בראָטען און ברענען זאָל זיי אויפ'ן הארצען!... אפשר וועט איהר נעמען, רב אלטער, א גלעזעלע בראָנפען, ס'איז געבליבען פון נעכטען? [זי בוינט זיך אן, נעמט־ארויס, גיסט איהם אן א גלעזעל. ער פארזוכט].

רב אלטער. א דאַנק, למאי זאָלט איהר זיך מטריח זיין? [ער קעהרט־איבער דאָס גלעזעל]. הערט איהר, ביילע, ס'איז גאָר ניט קיין שלעכט ביסעל בראָנפען, ווי איהר זעהט מיך לעבען! [זי גיסט איהם אן נאָך א גלעזעל]. א דאַנק, למאי זאָלט איהר זיך מטריח זיין?... ס'איז ביטערע צייטען, זאָג איך אייך, עך־עך־עך!... אמאָל פלעגט מיר אָנקומען א גאַנצער טראַנספּאָרט מיט ראָמאַנען פון דער ווילנאַ, פלעג איך זיי פאַרצוקערען. און היינט, ווייסט דאָס דער גוטער יאָהר, פון זינט די ציוניסטען האָבען אָנגעהויבען ארויסגעבען זייערע ביכלעך, איז מיין פרנסה שטאַרק געשלאָגען... נאַ דיר ציוניסטען!... נַנַנע!

ביילע. ציבעליסטען? וואָס איז דאָס, רב אלטער, פאר איין אָנשיקעניש אזעלכעס?

רב אלטער. ציוניסטען — דאָס זענען די ציוניסטען, וואָס פארנעמען זיך מיט'ן ציוניזם... זיי ווילען, פארשטעהט איהר מיך, מיר זאָלען אלע פאָהרען קיין פעליסטינע ווילען זיי...

ביילע [שאָקעלט מיט'ן קאָפּ]. נאַ דיר נאָך, טאָמער איז קאָרג!... אָט האָסט דו דיר א בלעסטערינע אויף זייערע קעפּ, פארחאַפּט זאָלען זיי ווערען!...

רב אלטער [שלאָגט איהר איבער]. שאַ, גאָט איז מיט אייך, ביילע, פאר וואָס שעלט איהר זיי? אדרבה, זיי מיינען אונזער טובה טאַקי... פארקעהרט, סע קומט זיי נאָך א דאַנק, זיי ווילען העלפען די אָרעמע לייט... דאָס פאָלק, פארשטעהט איהר מיך... דיזען, דאָזען, דאָס און יענס...

ביילע. הערסט? וואָס זשע שווייגט איהר? ווי־באלד אזוי, לאָז זיי גאָט געבען געזונט און אלדאָס גוטס! אויף קיין

שלעכט אָרט זאָלען זיי ניט שטעהן... לאָזען מיינע בעלי־בתים זיין פאר זיי די כפרה!...

רב אלטער. לאָז גאָט היטען! וואָס האָב איך צו זיי? אָט, למשל, האָב איך באַקומען א פריש פעקעל סחורה, ראָמאַנען, אזש פון אמעריקע, פרישע, צאַפּעלדיגע, נאַר־וואָס פון דער גאָרעל ארויס. איך זאָג אייך, פון די אַנטיקען! קפּריסין! זעמעלמעהל!...

ביילע [שלעפּט־ארויס א פלעשעל פון אונטער'ן בעט און גיסט איהם אן א גלעזעל וויין]. אנו, רב אלטער, פארזוכט, זייט מוחל, פונ'ם דאָזיגען וויין. געבליבען ביי זיי נעכטען פונ'ם טיש...

רב אלטער. א דאַנק, למאי זאָלט איהר זיך מטריח זיין? [פארזוכט און באַלעקט זיך]. הערט איהר, ביילעניו, איז דאָס א גלעזעל משקה — פון משקה־לאַנד!... [טרינקט און באַלעקט זיך]. זינט גאָט האַנדעלט מיט משקאות, האָט ער נאָך אזאַ משקה ניט געהאַט... [קוקט אין גלעזעל אריין און שפּיעגעלט זיך]. ע, אפנים, די נגידים ווייסען טאַקי וואָס גוט איז? הערט איהר, די קאַפּאָטע פארזעצען — און א נגיד זאָל מען זיין!... אז ס'איז יאָ אזוי, טאָ לאָמיר זיין געזונט! [קעהרט איבער דאָס גלעזעל]. הערט איהר? דאָס איז וויין! דאָס איז א מין משקה, וואָס מע קאָן עס אָנרופען וויין. עס האָט אין זיך אלע אָפּשניצלעך פון... פון... א גלעזעל וויין. [באַלעקט זיך]. דיזען, דאָזען, דאָס און יענס...

ביילע [גיסט איהם אן נאָך א גלעזעל]. נישקשה, טרינקט נאָך איין גלעזעל. זשאַלעוועט ניט, פארהאַן ביי זיי אין קעלער גענוג... זיי מעגען דאָס אויסקרענקען געזונטערהייט!

רב אלטער [מיט א פריילעך פנים]. לאָז גאָט היטען! וואָס האָב איך צו זיי? לאָזען זיי טרינקען. לאָזען אידען טרינקען געזונטערהייט... א איד איז ניט קיין גוי. א איד, אז ער נעמט א ביסעל משקה, איז גאָרנישט, מהכתיתי... ער טרינקט זיך אויס א גלעזעל, צוויי גלעזלעך, צי אפילו דריי גלעזלעך — און שאַ, שטיל, טשעפּעט ניט קיין פליעג אויף דער וואַנט... שכּור? פּע! שכּור קיינמאָל ניט! קיינמאָל ניט שכּור!...

ב י י ל ע [דערגיסט איהם דאָס גלעזעל]. קיינמאָל ניט!

ר ב א ל ט ע ר. אַקעגען וואָס, הייסט דאָס, איז דאָס געקומען צו רעד? יאָ, אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: מע האָר רעוועט... מע האָרעוועט איבער'ן כּח... אָט, למשל, חאפּט־אָן, צום בלײשטיפט, אַ יונגע אַלמנה, ווי איהר זענט... וואָס? ווער? ווען? גאָרנישט... דיזען, דאזען, דאָס און יענס... הערט איהר? איך וואָלט דאָס אייך ניט געזאָגט, נאָר אונטער פיער אויגען זאָג איך אייך... די מעשה פון דער געשיכטע איז אזוי. ביז וואנעט איז דער שיעור, פרעג איך אייך, צו זיין ביי יענעם?... ווידער אַ מאָל געקאָכט וועטשערע, און אָבער אַ מאָל וועטשערע... צייט אַ מאָל אַליין איין א י י ג ע נ ע וועטשערע, איין אייגען שטיקעל אויוועז. דיזען, דאזען, דאָס און יענס... איהר פאַרשטעהט?

ב י י ל ע. יאָ, איהר זענט אודאי גערעכט, רבֿ אַלטער. איין אייגענע פּאָמוניצע איז אודאי ליעבער פון אַ פרעמדער שיסעל. וואָס קומט אָבער ארויס? אַ וויסטע אַלמנה. מה אָנו, מה חיינו?

ר ב א ל ט ע ר. אם כּן, איז וואָס? איין אַלמנה איז דען קיין מענטש ניט? פאַרקעהרט, איין אַלמנה איז נאָך, אדרבּה, מעהר סחורה... מצד רחמנות... [מאַכט מיט די הענט]. מצד דיזען, דאזען, דאָס און יענס...

ב י י ל ע. ווייס איך וואָס? ווער וועט זיך קוואפּען אויף מיר מיט סך־הכּל צוויי הונדערט שמאַרדאַוועצעס? נישט מעהר זאָלען מיינע בעלי־בּתּים פאַרמאָגען, רבּונו של עולם...

ר ב א ל ט ע ר [בּחור'ט זיך]. ע, זאָגט דאָס נישט, ביילע לעבען!... ווי אזוי מע וויל, לייענט מען דאָס בּריוועל. צוויי הונדערט קאַרבּען איז היינטיגע יאָהרען אַ קאַפּיטאַל, און צו אזאַ קאַפּיטאַל, ווען גאָט שיקט אייך צו, כּדומה למשל, אַ לייטישען יונגענמאַן, אַ מענטשען איין עהרליכען, אַ מענטשען מיט אַ געשעפטעל אין דער האַנט... אַ מענטשען, וואָס פאַרשטעהט איהר מיר... [מאַכט מיט די הענט]. דיזען, דאזען, דאָס און יענס...

ב י י ל ע. אשטייגער, כּדומה למשל?...

ר ב א ל ט ע ר [בּחור'ט זיך]. אשטייגער, כדומה למשל, איך זאָל אייך אָנחאפּען, נאַפּשיקלאַד, אזאַ מין מענטשעל, וואָס האָט אַ געשעפטעל. נישט קיין גרויס געשעפט, נאָר אזוי, אַ פיינס, אַ שטילס, אַ רוהיגס... וואָס האַנדעלט מיט אזאַ מין סחורה, וואָס מע גיט דאָס אויף פּראָקאַט... אויף איבּערלייענען... נו, כּדומה למשל, בּיכער, ראָמאַנען... [מאַכט מיט די הענט]. דיזען, דאזען, דאָס און יענס...

ב י י ל ע [פאַרטראַכט, ווישט זיך די נאָז מיט'ן אַרבּעל פון אונטען אַרויף]. איהר רעדט עפּיס, רבֿ אַלטער, אזעלכע ווערטער... פאַרשטעלט... איך קאָן ניט פאַרשטעהן... טרינקט, איך בּעט אייך, קוקט ניט אויף כּבוד... מיר וועלען האָרעווען, און זיי וועלען פרעסען און זויפען? עסען זאָלען זיי ווערעם! [גיסט איהם אַן נאָך אַ גלעזעל].

ר ב א ל ט ע ר. לאָז גאָט היטען! וואָס האָבּ איך צו זיי? [נעמט דאָס גלעזעל]. וואָס איהר זאָגט, מע האָרעוועט. דערויף זענען מיר שוין געוואוינט. וואָס איז שייך? גאָט האָט אזוי בּאַשאַפען די וועלט, אַז מיר דאַרפען האָרעווען, פאַרשוואַרצט ווערען, און זיי דאַרפען לעבען אַ גוטען טאָג, עסען און טרינקען, און דיזען, און דאזען, און דאָס, און יענס... פאַרדריסען פאַרדריסט נאָר דאָס, וואָס ס'איז בּיי זיי ניט אָנגעלעגט אונזער האָרעוואַניע. למשל, אָט נעמט אַ פערד, להבדיל, האָרעוועט אויך איבּער'ן כּח. זעהט זשע אָבּער, ווי מע קיכעלט עס, מע גלעט עס, מע גיט דעם עסען, און טרינקען, און דיזען, און דאזען, און דאָס, און יענס...

ב י י ל ע. איהר רעדט עפּיס, רבֿ אַלטער, תּמיד אזוי מאָדנע... פאַרשטעלט...

ר ב א ל ט ע ר. ס'איז ניט מיינע ווערטער. דאָס האָבּ איך אויסגעלייענט פון אַ בּיכעל, פון די היינטיגע בּיכלעך, וואָס זיי געבּען־אַרויס, אָט די ימח־שמו'ניקעס, די צעצעליסטען...

ב י י ל ע. וואָעס? וואָס איז דאָס פאַר אַ מכּה? אַ מכּה זאָל זיך זיי זעצען אויפ'ן שפּיץ נאָז!...

ר ב א ל ט ע ר. לאז גאט היטען! וואס האב איך צו זיי? פארשטעהט איהר מיך, די דאזינע — דאס זענען אזעלבע מענטשען, פארשטעהט איהר מיך, וואס קאטארי זיי נעמען זיך אן, אדרבה, די קריוודע פון די ארעמעליים, פון די ארבייטער, פאר מיר, און פאר אייך, און פאר די אלע, וואס פלאגען זיך און מוטשען זיך אויף דער וועלט...

ב י י ל ע. הערסט דו! וואס זשע שווייגט איהר? לאזען מיינע בעלי־בתים איינגעמען א מיתה משונה פאר זייער מינדסטען נאגעל!

ר ב א ל ט ע ר. לאז גאט היטען! וואס האב איך צו זיי? [עס עפענט זיך די טיר, עס קומט אריין ח י י ם ד ע ר מ ש ר ת. ביילע טהוט זיך א ווארף צום אויווען. רב אלטער קוקט אריין אין א ביכעל].

ד ר י ט ע ס צ ע נ ע.

ח י י ם [דאס קאפעלישעל אויף א זייט]. א גוטער נאוועגט זאל זיך אין אייך אדיינחאפען, ביילעניו! וואס מאכט א איד, רב אלטער? איהר ווייסט? דאס ביכעל, וואס איהר האט מיר גע־בראכט, איז איין אנטיק פון א ביכעל! איך האב דאס נאר גענומען לייענען, בין איך אנשלאפען געווארען זיצענדיג אויפ'ן בענקעל, ווי א גע'הרג'טער... [ער ניסט זיך אז א גלעזעל וויין]. געניסט עפּיס, רב חיים, פאר וואס זאלט איהר ניט געניסען? אזוי זאגט מיין מאדאם, בשעת זי איז מכבד איהרע געסט מיט ווערעמיגע ניסלעך... וואו איז ערגיץ פראדעל? [ער וויל זיך אנגיסען נאך א גלעזעל].

ב י י ל ע [גיט איהם איבער די הענט]. אוועק, דו משומד, ניט פון דיינעטוועגען אנגעגרייט!... דערצעהל בעסער, וואס ביזט דו אזוי אויסגעפוצט? וואס הערט זיך עפּיס ביי אייך? וואס מאכען דיינע בעלי־בתים?

ח י י ם. מיט די זייטען זאלען זיי אייך מאכען!... מע זיצט ביידע אין דער היים, ווי די טייבעלעך, און מע זירעלט זיך און מע

שעלט זיך ביז הונדערט און צוואנציג יאהר... [ער שלעפּט פון קעשינקע ניסלעך, ווארפט אין מויל אריין און טהוט א קנאק אלע מאל מיט דער האנט איבער דער מארדע פון אונטען ארויף].

ב י י ל ע. וואס איז די מעשה?

ח י י ם [קנאקט ניסלעך]. וואס זאל זיין? גארניט. זי וויל קיין פאריז. זאגט ער: קיין בארלין. זאגט זי: אין דער ערד. זאגט ער: ביזט א בהמה. זאגט זי: דו ביזט א בעל־עגלה. זאגט ער: אבי ניט קיין שניידער... אפנים, טראכט איך מיר, זיי שטאמען ביידע פון גרויסען יחוס, גלייך מיט דעם יחוס פון זייער מחותן חינקים. איהר ווייסט, רב אלטער, חינקים'עס יחוס?

ר ב א ל ט ע ר. דהיינו, כדומה למשל?

ח י י ם. דהיינו, כדומה למשל, איין זיידען האט ער געהאט א פאטאגראף — ער פלעגט אראפנעמען גרעט פונ'ם בוידעם. און דער אנדערער זיידע איז געווען גובערסקי רעוויזאר איבער אלע שענקען... א! מע זאל דערמאנען משיח'ן!... [עס קומט אן פון שטוב פ ר א ד ע ל].

פ י ע ר ט ע ס צ ע נ ע.

פ ר א ד ע ל [זעהט נישט חיים'ען. זינגט א ליעדעל].

זיץ איך מיר אויף א שטיין,\
עס נעמט מיך אן א גרויס געוויין:\
אלע מיידלעך האבען חתונה,\
נאר איך איינע זיץ אליין!...

ח י י ם [ווישט זיך די אויגען כלומרשט]. זעהר טראווערדיג!

פ ר א ד ע ל [זעהט איהם נישט, זינגט און טאנצט אונטער].

אוי־וועה, מארגענשטערן,\
ווען וועל איך א כלה ווערען?...

ח י י ם [פון דער ווייטען].
שטעהן שטעה איך, שטעה איך בּיי דער טיר,
קוקען קוק איך מיט אויגעלעך אויף דיר.
הארצעניו, ליובּעניו, וואָס טהוט זיך דאָס מיט דיר?
צייט פון שבּת אָן האָסט זיך ניט געזעהען מיט מיר!

פ ר א ד ע ל [זעהט איהם ניט].
כּל־זמן איך בּין אַ מיידעל,
בּין איך שען און איידעל.
און וויבּאַלד איך ווער אַ ווייבּעל,
ווער איך שוין איין אָרעם טייבּעל.
אוי־וועה, מאַרגענשטערן,
ווען וועל איך אַ כּלה ווערען?

ח י י ם [געהט איהר אַקעגען מיט אויסגעשטרעקטע הענט]. הנני! איך בּין אָנגעבּרייט! איך בּין גרייט אפילו היינטיגען טאָג, נשמה מיינע! דאָס בּין איך טאַקי געקומען, איך זאָל מיט דיר אָפּרעדען, מיין טייער קאַנאַריקעל, אָפּשטעלען דאָס קנס־מאָל... אַ גוטען נאָוועגט דיר, פראדעל! וואָס מאַכסט דו, הארץ מיינס, און ווי געהט דאָס דיר אין געזונט, מיין איינגעל און מיין שאַץ, דער גייסט פון מיין נשמה, דאָס הארץ פון מיינע אויגען, ווי בּיי רבּ אַלטערן אין די בּיכלעך שטעהט געשריבּען...

פ ר א ד ע ל. וואָס איז? וואָס בּיזט דו אַזוי האָפּעדיג? קוקט איהם אָן, ווי ער האָט זיך דאָס אַ בּיסעל אויסגעסטראַצעלט, דער שענער מחותּן! גוט יום־טוב ראש־חודש קלעמעניש!... געהסט מן הסתם פון צירק, אָדער געחאַפּט ערגיץ אַ קערטעל?...

ח י י ם. ווי דען איז אַנדערש, פיינעלע? אַ מענטש לעבּט איין מאָל, ניט קיין צוויי מאָל, ווי מיין רבּי פלעגט זאָגען, אז ער האָט ניט געהאַט אויף שבּת און די רביצין פלעגט איהם בּאַגראָבּען נייען איילען אין דער ערד...

פ ר א ד ע ל. בּאַגראָבּען זאָל מען דיך!

ח י י ם. אָמן, אַלע ווייבּער! נארעלע, היינטיגס מאָל האָסט דו דוקא ניט געטראָפען: אין צירק געה איך ניט, און אין קאָרטען שפּיעל איך ניט — ווייסט דו פון ווען אָן?

פ ר א ד ע ל. פון ווען אָן?

ח י י ם. פון עהערנעכטען אָן... איך האָבּ מיר נעגעבּען דאָס וואָרט, איך זאָל ניט שפּיעלען מעהר! איבּער צוויי זאַכען: ערשטענס, האָבּ איך ניט פאר וואָס, און אז מע האָט נישט קיין פינגער, זאָגט רבּ אַלטער, קאָן מען קיין פּיינ נישט שטעלען. און והשנית, קלויבּ איך איצט אַ גראָשען צו אַ גראָשען. צוליעבּ דער חתונה, נשמה מיינע... מע זאָל זיך בּיי מיר אויסציהען פאר אַ גראָשען — געבּ איך ניט! עס ווילט זיך ניט שטאַרבּען אין פּרעמדע תּכריכים, ווי מיין בּאָבּע עליה השלום פלעגט זאָגען, בּשעת מע האָט געבּעטען בּיי איהר אַ נדבה...

פ ר א ד ע ל. וואָס זשע דען טהוסט דו גאַנצע נעכט, אז דו פּטר'סט־אָפּ אַלע אַרבּייט אין שטוב?

ח י י ם. וואָס איך טהו? איך פאַרנעם זיך מיט בּילדונג, טייערע! מיט בּילדונג! אָט לייען איך איצט אַ בּיכעל, זיס ווי איינגעמאַכטס... רבּ אַלטער האָט דאָס מיר געבּראַכט... אוי, אַ בּיכעל! [ער קושט די פינגער]. כ'בּין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען. נאָר געלייענט, און געלייענט, און געלייענט — מחיה נפשות!

פ ר א ד ע ל. עס קעהר שוין זיין דאָס גוטע בּיכעל, אז ס'איז אריין צו דיר אין די הענט אריין... וואָס איז דאָס, אַ ראָמאַנס?

ח י י ם. נאָך אַ מין ראָמאַנס! אין זעכּס טיילען, מיט אַ נעקראָלאָג.

ר בּ א ל ט ע ר. עפּילאָג.

ח י י ם. מיין איך — עמפּילאָג.

פ ר א ד ע ל. ווי אַזוי רופט זיך עס?

ח י י ם [טהוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן]. סע רופט זיך אָן מיט אַזאַ לאַנגען נאָמען, אז ס'איז שווער צו געדענקען אויסוועניג... רבּ אַלטער סערדצע! ווי אַזוי הייסט עס בּיי אייך?

ר ב א ל ט ע ר. ווער?

ח י י ם. אַט אַ יענס ביכעל, וואָס איהר האָט מיר געבּראַכט אָנומעלטען צו טראָגען?

ר ב א ל ט ע ר. אַה? דאָס ביכעל, וואָס איך האָבּ דיר איבּערגעלאָזט? שוין איין מאָל אַ ביכעל! אַנטיק שבּאַנטיק! פּרימאַ! מע רייסט דאָס בּיי מיר פון די הענט! עס הייסט מיט'ן נאָמען: „דער ווילדער נעגער אין רויטען גאַרטעל מיט צעהן אָנגעלאָדענע פּיסטאָלעטען און מיט זעכּס פאַרשאָלטענע דאַמען אין טויבּענגעשטאַלט, אָדער דער רינג פון שלמה המלך, אַ העכסט־אינטערעסאַנטער ראָמאַן אין זעכּס טייל מיט איין עפּילאָג און מיט אַ ליעד צום געזאַנג, פאַרפאַסט פון יצחק שלמה עסיגטרייבּער אויף דעם אַרט פון שמ"ר".

ב י י ל ע [אַ פּליעסק מיט די הענט]. אַ דונער האָט מיך ניט
פ ר א ד ע ל דערשלאָגען! וואָס פאַר אַ לאַנגער נאָמען!

ח י י ם. שרעקט זיך ניט, ס'איז בּיי זיי פאַרהאַן נאָך לענגערע, און אַלע עפּיס אַזעלכע מאָדנע כּפול־שמונה'דיגע נעמען, צום בּיישפּיעל: „דער געפאַנגענער קיניג בּיי'ם פאַרגליווערטען ים אין דער וויסטעניש, אָדער די צעשפּאָלטענע ליפּ"... „דער שוואַרצער ציניינער מיט די זילבּערנע קנעפּ אין רייטוואָגען, אָדער די גלעזערנע קאַטשעלקע אויף פּסח"... „די נעשוואָלענע מויד פון איהר איינציגען חתן, אָדער דער רויטער ממזר, פאַרחאַפּט זאָל ער ווערען!"...

ב י י ל ע פאַרחאַפּט מעגסט דו שוין ווערען פאַר אַלע
פ ר א ד ע ל אידען, רבּונו של עולם!

ח י י ם. אָמן, אַלע ווייבּער! הקיצור, ס'איז אַ בּיכעל, זאָג איך דיר, הערסט דו, פראַדעל, די פינגער צו קושען!

פ ר א ד ע ל. וואָס זשע בּאַשרייבּט זיך דאָרטען אין ביכעל? בּיזט ניט קראַנק צו דערצעהלען!

ח י י ם. דאָרטען בּאַשרייבּט זיך... ס'איז שווער צו נעדענקען אויף אויסוועניג... עפּיס ווי אַזוי אַ פיינער בּחור פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג...

ר ב א ל ט ע ר. אַכטצעהן.

ח י י ם. ראָמאַנסירט מיט אַ מיידעל פון אַ יאָהר נייענצעהן...

ר ב א ל ט ע ר. זיעבּעצעהן.

ח י י ם. אַ שען מיידעל, איין עפּעלע, מיט חן־גריבּלעך אין די בּעקלעך, אַ בּלאָנדינקע מיט שוואַרצע האָר...

ר ב א ל ט ע ר. מיט בּלאָנדע האָר.

ח י י ם. מיין איך, אַ בּראָנעטקע מיט בּלאָנדע האָר...

פ ר א ד ע ל. ווי אַזוי הייסט זי?

ח י י ם. ווי אַזוי הייסט זי? נאָר־וואָס אַרויסגעפלויגען פון'ם קאָפּ... זי ליגט מיר אויפ'ן צונג... ווי אַזוי הייסט זי, רבּ אַלטער?

ר ב א ל ט ע ר. ווער?

ח י י ם. אַט יענס מיידעל, וואָס בּיי מיר אין בּיכעל?

ר ב א ל ט ע ר. סעראַפימאַ.

ח י י ם. יאָ, יאָ, איך האָבּ טאַקי געוואָלט זאָגען אַזוי... עס בּאַשרייבּט זיך דאָרט, ווי אַזוי דער בּחור פאַרליעבּט זיך אינ'ם מיידעל... דאָס מיידעל פאַרליעבּט זיך אינ'ם בּחור... דער בּחור וויל חתונה האָבּען פאַר'ן מיידעל... דאָס מיידעל וויל חתונה האָבּען פאַר'ן בּחור... ווילען זיי, הייסט עס, בּיידע... טרעפט זיך איינמאָל אַ מעשה, דער בּחור בּאַגעגענט זיך מיט'ן מיידעל ערגיץ אין איין אָרט — דאַכט זיך, אַז אין סיק?... איאָ, רבּ אַלטער?

ר ב א ל ט ע ר. האַ? וואָס?

ח י י ם. וואו בּאַגעגענט ער זיך דאָרטען אין אייער בּיכעל, יענער בּחור מיט דער מויד? איאָ, אין סיק?

ר ב א ל ט ע ר. אין פּאַריז אין די בּעדער... בּיי'ם ג ר אַ ף ס אַ ל י ס אין פּאַלאַץ... אין אַ גאָרטען פון לימענעס מיט פּאָמעראַנצען.

ח י י ם. אזוי נאר? בקיצור, איז זיך מיישב ער, מיין בחור הייסט דאס, און איז ניט פויל אויף דער פען און חאפט זי ארום אט אזוי! [וויל ארומנעמען פראדלען].

פ ר א ד ע ל. אוועק, דו שארלאטאן!...

ר ב א ל ט ע ר. ניין, חס ושלום, ניט אזוי... פריהער פאלט ער איהר צו די פים...

ח י י ם. איך האב דיר נאר געוואלט ווייזען, ווי אזוי דער בחור נעמט־ארום דאס מיידעל דארט אין ביכעל...

פ ר א ד ע ל. ווער די כפרה!... געקומען אויפ'ן גרייטען... נעה זעה ביי לייטען, ווי סע פיהרט זיך... אט איז נעקומען צו אונזער בארישני א חתן אזש פון אלדי שווארצע יאהר... פאר־שפארט מיט איהר אין איין חדר פון אינדערפריה אן...

ח י י ם. פון אינדערפריה אן? טאטעניו! וואס אזוי לאנג? וואס טהוען זיי דארטען, קעצעלע מיינס?

פ ר א ד ע ל. איך זאל אזוי וויסען פון דיר! איין ווארט האב איך געחאפט, בשעת איך האב זיי אהין דערלאנגט טיי...

ח י י ם. וואס פאר א ווארט?

פ ר א ד ע ל. אז איך וועל דיר זאגען, וועסט דו באלד וויסען! „זשיוואפרי"...

ח י י ם. זשיוואפרי? אהא, איך וויים שוין! אויף אונזער לשון איז דאס אלץ איינס, ווי מע זאל זאגען: „סע ברענט מיך א טרונק"... איא, רב אלטער, א טרונק?

ר ב א ל ט ע ר [באלעקט זיך]. וואס זאגט איהר, א טרונק? א איד איז ניט קיין טרינקער... מהכתיתי, א איד נעמט א מאל א ביסעל בראנפען...

ח י י ם. גוט מארגען, געלי, רעטאך טראג איך! מע רעדט דא פון פראנצויז, קומט איהר מיט א ביסעל בראנפען... [עס הערט זיך א קול פון שטוב: „פראני, פראדעל! וואס קרענקסט דו דארט אין קיך, דו מויד?"...].

פ ר א ד ע ל. קרענקען זאלט איהר פאר אלע אידען!... איך נעה, איך נעה! ווי נעפעלט אייך, ווי זי קווימשעט! איך וואש דאס נעפעס! אט נעה איך! געהן זאל זי אויף קוליעס!...

ח י י ם. אמן, אלע ווייבער! [פראדעל לויפט־ארויס פון קיך. עס לויפען אריין מ י ש א און מ א ש א].

פ י נ פ ט ע ס צ ע נ ע.

מ י ש א א ו ן מ א ש א [שלעפען לעקאך פון די קעשענעס, קנאקען ניסלעך, קוקען זיך ארום אויף אלע זייטען]. סמאטרי, ביילע, זאג ניט אוים, באזשע סאחראני!...

ב י י ל ע. א מכה דער מאמען! איהר זענט נעבאך הונ־געריג, טייבעלעך?... עסט געזונטערהייט, עסט, פייגעלעך!... וואס הערט זיך עפים אין שטוב, קינדערלעך?

מ י ש א א ו ן מ א ש א. גארנים... דער פאפא און די מאמא שפיעלען אין קארטען... דער דיאדיא קושט די שוועסטער... יעי באנו...

ח י י ם. טאקי? אנו, ווייזט, ווי אזוי קושט ער זי, קעצעלעך?

מ י ש א א ו ן מ א ש א. וואט קאק! [זיי קושען זיך אין די פיסקלעך און לאכען].

ח י י ם [פאטשט זיי אין די פלייצעס]. בראווא! בראווא! מאלאדצי רעביאטא! אט וואס הייסט גוט דערצויגען קינדער! איהר זאלט זיין עהרליכע קינדער, וואלט איהר אוועקגע'לקח'ענט פונ'ם טיש עפים גוטע זאכען פון אונזערטוועגען: טארט, ניסלעך, עפעל, בארען, מאראנצען, איינגעמאכטס... נישקשה, קיינער וועט נישט וויסען... צווישען דער משפחה וועט דאס בלייבען... [מישא און מאשא לאזען זיך געהן. פראדעל קומט־אן מיט א גראפין נאך וואסער].

זעכסטע סצענע.

פ ר א ד ע ל. ברענען זאָלען זיי אויפ'ן פייער!...

ח י י ם. אָמן, אַלע ווייבער!

פ ר א ד ע ל. דאָ האָט זי געשריגען „מויד", און דאָרט, פאַר פרעמדע מענטשען, איז זי זיס, ווי צוקערלעקאַך. „ברענג, זאָגט זי, דושעטשקע, אַ גלאָז וואַסער פאַר דער מאַדאַם לאָקשענקוגעל"...

ב י י ל ע. וואָס מאַכען עפּיס חתן־כלה?

פ ר א ד ע ל. קיין גוטס זאָלען זיי אייך ניט האָבען.

ח י י ם. אָמן, אַלע ווייבער!

פ ר א ד ע ל. די שענע כלה האָט מורא, טאָמער טהוט אַ קוק אויף מיר דער חתן, האַלט זי איהם פאַרשפּאַרט... נישקשה, ער וועט פון איהר האָבען אַ ווייסטען סוף. ס'איז אַ וואויל כלה'כען. זי וועט איהם, אם ירצה השם, אויסדראַפּען די אויגען...

ח י י ם. אַ מצוה, לאָז זיך איהם ניט גלוסטען, ווי מיין עלטערע שוועסטער פלעגט זאָגען, בשעת איך האָב מיך געוואָרגען מיט אַ ביינדעל... אפנים, עס וועט זיין טאַקי היינט אַ מזל־טוב?... אסים, רב אַלטער, באמת גענאָסען! טהוט איהם אַ ציה, ביילע, ביי'ם לינקען אויהער און זאָגט „לישועתך קויתי"...

ר ב א ל ט ע ר [האָט ביז אַהער געחאַפּט אַ דרימעל, געפּייפט מיט דער נאָז. חאַפּט זיך אויף]. אַ דאַנק! למאי זאָלט איהר זיך מטריח זיין? איך בין אַ ווינציגער טרינקער... אַ איד טרינקט נישט... אַ איד איז גאָר קיין טרינקער נישט... די צי־צי־ציוניסטען זענען זעהר גערעכט... זיי זאָגען, אַז אַ איד... אַ איד ליגט אין דער ערד, נייען איילען אין דער ערד... אַ איד איז נעבאַך ת־תמיד פאַר־שמאַכט, פאַריאָמערט... [ער זינגט מיט איין אומעטיגען קול].

פאַריאָמערט, פאַרקלאָגט,
פון זיינעם פאַריאָגט...

ח י י ם. אַהאָ! רב אַלטער איז דאָך טאַקי רעכט אונטער'ן גלעזעל, כלעבען! בגילופין!... געמאַכט, אפנים, אַ רעכטע כוסה?...

ב י י ל ע. ניט מיין זאָלסט דו עסען, וויפיעל זיי האָבען געטרונקען!

ח י י ם. אָמן, אַלע ווייבער!... ווייסט איהר וואָס, רב אַלטער? אַז איהר זינגט שוין יאָ, טאָ זינגט אונז עפּיס אַ ליעדעל פון די ליעדלעך! איהר זענט דאָך אַ איד, וואָס קאַטאָרי, איהר האַנדעלט מיט ביכלעך און מיט ליעדלעך.

ר ב א ל ט ע ר. ווערסט מיר העלפען? איהר וועט מיר העלפען? וועל איך אייך זינגען אַ ליעדעל, וואָס איז טאַקי אָנ־געמאַכטען אויף מיר אַליין.

א ל ע ד ר י י. אָך! מהכתיתי, מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען! [גרייטען זיך צו איהם מיטהעלפען].

ר ב א ל ט ע ר [זינגט].

צעהן ברידער זענען מיר געווע־ע־זען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט ווייך;
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
זענען מיר געבליבען נייען.
אוי, שמערעל מיט'ן פי־ע־ערעל,
בערעל מיט'ן באַס!
שפּיעלט זשע מיר אַ לי־ע־ערעל
אויפ'ן מיטען גאַס!

א ל ע א י נ א י י נ ע ם.

אוי, שמערעל מיט'ן פי־ע־ערעל,
בערעל מיט'ן באַס!
שפּיעלט זשע מיר אַ לי־ע־ערעל
אויפ'ן מיטען גאַס!

ר ב א ל ט ע ר.

נייען ברידער זענען מיר געווע-ע-עזען,
האָבען מיר געהאנדעלט מיט פראכט;
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
זענען מיר געבליבען אכט.

א ל ע.

אוי, שמערעל מיט'ן פי-ע-ערעל,
בערעל מיט'ן באס!
שפיעלט זשע מיר א לי-ע-ערעל
אויפ'ן מיטען גאס!

ר ב א ל ט ע ר.

אכט ברידער זענען מיר געווע-ע-עזען,
האָבען מיר געהאנדעלט מיט ריבען;
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
זענען מיר געבליבען זיעבען.

א ל ע.

אוי, שמערעל מיט'ן פי-ע-ערעל,
בערעל מיט'ן באס!
שפיעלט זשע מיר א לי-ע-ערעל
אויפ'ן מיטען גאס!

ר ב א ל ט ע ר.

זיעבען ברידער זענען מיר געווע-ע-עזען,
האָבען מיר געהאנדעלט מיט געבעקס;
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
זענען מיר געבליבען זעכס.

א ל ע.

אוי, שמערעל מיט'ן פי-ע-ערעל,
בערעל מיט'ן באס!
שפיעלט זשע מיר א לי-ע-ערעל
אויפ'ן מיטען גאס!

ר ב א ל ט ע ר.

זעכס ברידער זענען מיר געווע-ע-עזען,
האָבען מיר געהאנדעלט מיט שטרימף;
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
זענען מיר געבליבען פינף.

א ל ע.

אוי, שמערעל מיט'ן פי-ע-ערעל,
בערעל מיט'ן באס!
שפיעלט זשע מיר א לי-ע-ערעל
אויפ'ן מיטען גאס!

ר ב א ל ט ע ר.

פינף ברידער זענען מיר געווע-ע-עזען,
האָבען מיר געהאנדעלט מיט ביער;
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
זענען מיר געבליבען פיער.

א ל ע.

אוי, שמערעל מיט'ן פי-ע-ערעל,
בערעל מיט'ן באס!
שפיעלט זשע מיר א לי-ע-ערעל
אויפ'ן מיטען גאס!

ר ב א ל ט ע ר.

פיער ברידער זענען מיר .געווע-ע-עזען,
האָבען מיר געהאנדעלט מיט בליי;
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
זענען מיר געבליבען דריי.

א ל ע.

אוי, שמערעל מיט'ן פי-ע-ערעל,
בערעל מיט'ן באס!
שפיעלט זשע מיר א לי-ע-ערעל
אויפ'ן מיטען גאס!

ר ב א ל ט ע ר.
דריי ברידער זענען מיר געווע־ע־עזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט טיי;
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
זענען מיר געבליבען צוויי.

א ל ע.
אוי, שמערעל מיט'ן פי־ע־עדעל,
בערעל מיט'ן באַס!
שפּיעלט זשע מיר א לי־ע־עדעל
אויפ'ן מיטען גאַס!

ר ב א ל ט ע ר.
צוויי ברידער זענען מיר געווע־ע־עזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט ביינער;
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
בין איך געבליבען איינער.

א ל ע.
אוי, שמערעל מיט'ן פי־ע־עדעל,
בערעל מיט'ן באַס!
שפּיעלט זשע מיר א לי־ע־עדעל
אויפ'ן מיטען גאַס!

ח י י ם [אליין].
איין ברודער זענען מיר געווע־ע־עזען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט ספרים;
איינער איז פון אונז געשטאָרבען,
האָבען מיר געטרונקען א גלעזעל משקה... [גיסט].
אוי, שמערעל!...

א ל ע. א שענער גראַם!

ח י י ם. ווועלען מיר נעמען צו ביסלעך משקה אָהן א גראַם. לחיים, רב אלטער! לאָמיר זיין געזונט!

ר ב א ל ט ע ר [טרינקט]. לאָמיר טאַקי זיין געזונט!
[עס לויפען אריין מישא און מאשא מיט פולע קעשענעס].

זיעבעטע סצענע.

מ י ש א א ו ן מ א ש א. געה, פראַדעל, די מאַמע רופט!
[פראַדעל חאַפּט דעם גראַפין מיט וואַסער און לויפט אין שטוב אריין].

ח י י ם. אנו, ווייזט, וואָס האָט איהר געבראַכט?

מ י ש א א ו ן מ א ש א [לעדיגען־אויס די קעשענעס]. איז־וואָלטיע וואַם עפּעל, גרושי, אַפּעלסינעס. לאָווקאַ סטאַשטשילי, יעי באָגו...

ח י י ם [קושט די קינדער]. בראַוואַ! בראַוואַ! מאָלאָדצי רעביאַטאַ! אָט וואָס הייסט בוטע קינדער, געראָטענע, צו גאָט און צו לייט! אָט וואָס הייסט פון קינדווייז אויף גוט געלערענט!...
[ער גיסט־אָן רב אלטערען א גלעזעל וויין און זיך אויך]. טרינקט, רב אלטער, און פאַרבייסט. לאָז אייך וואויל באַקומען, ווי אין דער הייליגער הגדה שטעהט געשריבען. טרינקט און עסט, רב אלטער, מע וועט במילא שטאַרבען, ווי מיינער א באַקאַנטער בעל־עגלה פלעגט זאָגען, אז מע האָט דערלאַנגט צום טיש א שיסעל קאַרטאָפלים און סע האָט געזעצט א פּאַרע, ווי אין באָד.

ר ב א ל ט ע ר. הא? און אפשר זענט איהר גערעכט. לאָמיר טאַקי נעמען צו קאַפּלעך... לחיים, לחיים. גאָט זאָל געבען, אידען זאָלען זיין אידען. ווארום א איד איז גאָר איין אנדער מין באַשעפעניש... א איד טרינקט ניט קיין בראָנפען, פע!... א איד טרינקט וויין... אלע מאָל וויין... ס'ע קומט פסח צום סדר, טרינקט ער וויין... און וויפיעל ער זאָל ניט טרינקען, איז ער תמיד ניכטער... [פריילידי]. קיינמאָל ניט שכור!... איא, חיימונקעלע? קיינמאָל ניט ש־שכור!...

ח י י ם. חס וחלילה! וואָס הייסט, א איד גאָר וועט זיין שכור?... דערפאַר דאַרף מען טאַקי נעמען נאָך א מאָל צו קאַפּלעך.

[ער גיסט־אָן נאָך אַ מאָל, קושט זיך מיט רב אַלטערען, נעמט די קינדער און נעהט מיט זיי אַ טענצעל].

ר ב אַ ל ט ע ר [פּליעסקעט־צו און זינגט].

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער אידען זענען מיר.
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער אתרוג בענטשען מיר!

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער אידען זענען מיר.
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער גמרא לערנען מיר!

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער אידען זענען מיר.
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער דאַווענען מיר!

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער אידען זענען מיר.
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער זמירות זינגען מיר!

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער אידען זענען מיר.
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער כפּרות שלאָגען מיר!

וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער אידען זענען מיר.

וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבער שבת מאַכען מיר!

[עס קומט־אַן פּראַדעל און בלייבט דערשטוינט].

אַכטע סצענע.

פ ר אַ ד ע ל [פאַלט־אָן אויף חיים'ען]. צי דו ביזט משוגע? צי דו ביזט חסר־דעה?... פלוצים אין מיטען דרינען טאַנצען?... [צו די קינדער]. געהט, די מאַמע רופט אייך. איהר וועט שוין דאַרטען האָבען פאַר די מאַראַנצען!... [די קינדער געהען אַוועק]. און איהר אויך, רב אַלטער?... פע, שעמען מעגט איהר זיך. אַזאַ איד, קיין עין־הרע!

ר ב אַ ל ט ע ר [פּלאָנטעט מיט דער צונג]. אַ איד?... אַ איד איז ניט קיין גוי... אַ איד זאָל טאַקי זיין תמיד געזונט און מאריך ימים ונשים זיין. וואָרום אַ איד, וויפיעל ער זאָל ניט טרינקען, איז ער קיינמאָל ניט ש־שכור... [גיסט־אָן אַ כוסה].

פ ר אַ ד ע ל. וואָס סע האָט זיך מיר גע'חלום'ט היינטיגע נאַכט און יענע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר!... דאָרט אין שטוב איז אַ מזל־טוב, דעריבער באַדאַרפען זיי דאָ זשליאָקען וויין!... ביילע!

ב י י ל ע. זיי האָבען גאָר אַזוי פיעל ניט געטרונקען. זעה־נאָר! גענומען צו די ליפען...

ח י י ם. גענומען צו די ליפען און טאַקי באַלד אַראָפּ־געשלונגען... הערט זשע אויס, רב אַלטער. אַז מיר האָבען יאָ דערלעבט אַ מזל־טוב, טאָ לאָמיר טאַקי נעמען צו ביסלעך וויין און טרינקען לחיים פאַר אונז אַליין און פאַר אונזערע איינענע כלות, און לאָמיר זיך צו־ווינטשען איינס דאָס אַנדערע, סע זאָל זיין מיט מזל. מזל־טוב דיר, פּראַדעל, מיין טייערע כלה, מיין ליכטיגער שטערן, מיין קרוין, מיין שפיעלפויגעלע! געב מיר אהער דיין זים הענטעל און זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מיר זיין געטריי!...

[וויל זי אַרומנעמען].

פ ר אַ ד ע ל [שטופּט איהם אָפּ]. אַלע בייזע ווייסטע חלומות! אַפּנים, דו ביזט שכּור?...

ח י י ם. שכּור? חס וחלילה! ווי קומט אַ איד זיין שכּור? וואָס זאָגט איהר, רב אַלטער? קאָן אַ איד זיין שכּור?

ר ב אַ ל ט ע ר [שמייכעלט און באַלעקט זיך]. אַ איד איז קיי־קיינמאָל ניט ש־שכּור! אַ איד איז אַ איד, און דיזען, דאַזען, דאָס און יענס...

ח י י ם [וויל אַרומנעמען פּראַדלען]. אפשר געפעלט דיר ניט, קאַנאַריקעל, דער יחוס, וואָס איך בין אַ משרת?... נאַרעלע, משרתים פיהרען היינט דאָס גאַנצע רעדעל... קאַרג פאַרהאַן ביי אונז בעלי־בתּים, וואָס זענען געווען אַמאָל משרתים? און מיין בעל־הבית אַליין, זאָל דיר צו קיין חרפּה ניט זיין, איז ניט געווען קיין משרת?... אַ ביסעל גנבה, אַ ביסעל הצלחה — חוץ זיין שאָדען אויף מיר געזאָגט געוואָרען אין צעהן יאָהר אַרום!... צי, אַשטייגער, למשל, נעם דיין מאַדאַם — ניט געווען פריהער איין אָם?... היינט דאָקטערט זי זיך שוין און פאָהרט אין די בעדער אַריין... נאַרעלע, וועסט, אם ירצה השם, אויך זיין אַ מאַדאַם אַמאָל, וועסט דו זיך אויך, מיט גאָט'ס הילף, דאָקטערען. זיי זיכער...

פ ר אַ ד ע ל [שטויסט איהם אָפּ]. בּייס זיך אָפּ די צונג!...

ח י י ם. אָמן, אַלע ווייבער! פאָלג מיך, קעצעלע מיינס, לאָמיר ברעכען טעלער. מזל טוב!... ביילע! רב אַלטער! זאָגט אונז מזל טוב! [שלעפּט־אַרויס פון קעשענע אַ גאָלדענע קייט און טהוט־אָן פּראַדלען אויפ'ן האַלז]. אַזוי ווי דו ביזט איצטערט מיין כלה, שענק איך דיר אַ מתּנה. ס'ליגט ביי מיר אָנגעגרייט שוין פון צוויי וואָכען. [ער נעמט־אַרום פּראַדלען און טהוט זי אַ קוש. זי שטופּט איהם כלומרשט אָפּ].

ב י י ל ע. מזל טוב דיר, פּראַדעל, פאַרנוץ געזונט! וואָס זאָגט איהר דערויף, רב אַלטער? [זי ווייזט איהם אויף פּראַדעל'ס מתּנה].

ר ב אַ ל ט ע ר. וואָס זאָל איך זאָגען? איך זאָג, אַז אַ איד... אַ איד זאָל מאַריך ימים ונשים זיין... אַ איד עסט און

טרינקט — און גאָר... גאָרניט... שאַ, שטיל... פּיש־פּיש־פּישטשעט ווי אַ פויגעלע... דיזען, דאַזען, דאָס און יענס... [ער שטעהט־אויף און פאַלט פון די פיס]. אַ איד, אפילו אַז ער טרינקט, איז ער ת־תמיד ניכטער... פּלאָנטעט ניט מיט דער צונג... פאַלט ניט פון די פיס... געהט גלייך, ווי אַ סטרונקעלע... טהוט זיך ניט אַ בויג נישט אהער... נישט אהין... איז ביי אַלע געדאַנקען... וואָרום אַ איד... וויפיעל ער זאָל ניט טרינקען קיין וויין, איז ער קיי־קיינמאָל ניט, אָבער טאַקי קיינמאָל ניט ש־ש־ש... אוי, אַ איד האָט אַ פינסטער מזל... זיי זענען גערעכט, די צי־צי־ציוניסטען, אַז דאָס פאָלק... אַז אַ איד איז ת־תמיד אין דער ערד... ת־תמיד פאַראומערט, פאַר־חושכ'ט, פאַרוואָגעלט... [זינגט אונטער דער נאָז].

פאַריאָ־וואָ־מערט, פאַר־קלאָ־וואָ־גט,
פון זאַ־וואַי־נעם פאַר־יאָ־וואָ־גט,
פון גאָ־וואָט דאָס פאַר־שאָלטענע קינד... [אויסנעצווינען].
אוי־אוי־אוי־אוי!
אוי־אוי־אוי־אוי!...

ח י י ם [נעמט רב אַלטערען פאַר אַ האַנט]. וואָס טויג אייך, רב אַלטער, זיין „פאַריאָ־וואָמערט און פאַרקלאָ־וואָגט"? לאָזען בעסער אונזערע שונאים יאָמערען און קלאָגען אויף זייערע קעפּ! איהר פאָלגט מיך, רב אַלטער, גיסט אייך בעסער אָן אַ פרישע כּוסה און טרינקט לחיים צו אייער ביילען... לאָז זיין אין אַ גוטער שעה אַ מזל'דיגער, איהר זאָלט זיך מיט איהר עלטערען אין עושר און אין כּבוד... איך ווייס דאָך, אַז איהר פאַרקעוועט אַרום איהר שוין פון אַ האַלב יאָהר... אַ וועלט שלאָפט ניט... וואָס מאַכט איהר אָנשטעלען, ביילע, וואָס ברעקעלט איהר זיך? לאָמיך האָבען אַזאַ יאָהר, וואָס פאַר אַ זיווג דאָס איז, ווי מיין רביצין פלעגט זאָגען אויף איהר שכן, בשעת ער פלעגט זיך צעפּאַטשען מיט זיין פלונית'טע... אַ זיווג — זאָג איך אייך!

ר ב אַ ל ט ע ר. אַ זיווג מן השמים... לחיים, לחיים! [עס קומען־אָן ווידער די קינדער מיט פולע קעשענעס, קנאַקען ניסלעך].

ח י י ם. גיט זשע איהר, רבּ אַלטער, די האַנט, און לאָז זיין מיט גליק. פון דאַנען אין איין אייגענער שטובּ, ווי לייבּושעל־גנב האָט געזאָגט, בּשעת מע האָט איהם דאָס ערשטע מאָל גע־בּראַכט צו פיהרען אין אָסטראָג... און לאָמיר זיין געזונט! [ער גיסט־אריין מיט גוואלד פראדלען א גיסעל וויין אין מויל אריין. רב אלטער גיט ביילען פון זיין גלעזעל]. רבּ אַלטער! זינגט עפּיס אַ ליעדעל פון אייערע ליעדלעך, נאָר אַ רעכטס, ס'זאָל לאָפּטשען!

ר בּ אַ ל ט ע ר [נעמט אויף דער אויבערשטער אקטאווע].
אָב איז אַ פּאָטער,
קדר איז אַ טאָטער,
אַ טאָטער איז אַ קדר,
בּגדים זענען קליידער,
קליידער זענען בּגדים,
זייד איז ניט קיין פּאָדעם...

ח י י ם [שלאָגט איהם איבער, זינגט אליין].
פּאָדעם איז ניט זייד,
שכּור זאָלט איהר זיין ווי לוט,
ווי לוט זאָלט איהר זיין שכּור,
אין מויל זאָל אייך ווערען בּיטער,
בּיטער זאָל אייך ווערען אין מויל,
שיסען זאָל אייך אַ קויל,
אַ קויל זאָל אייך אויסשיסען...

פּ ר אַ ד ע ל. געשאָסען זאָלסט דו ווערען פון גאָט!

ח י י ם. אָמן, אַלע ווייבּער!... ווייסט איהר זשע גאָר וואָס, רבּ אַלטער? זינגט אונז דאָס פריהעריגע ליעדעל: „וואָס מיר זענען זענען מיר!" און לאָמיר זיך נעמען פאַר די הענט אַלע און לאָמיר גיהן אַ האָפּקעלע. [אלע נעמען זיך פאר די הענט און מע גיהט א טענצעל].

ר בּ אַ ל ט ע ר.
וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבּער אידען זענען מיר!

ח י י ם [זינגט צוזאמען מיט רב אלטערן].
אָבּער משרתים זענען מיר!

ר בּ אַ ל ט ע ר.
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבּער ציצית טראָגען מיר!

ח י י ם [צוזאמען מיט רב אלטערן].
אָבּער משקה טרינקען מיר!

ר בּ אַ ל ט ע ר.
וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבּער אידען זענען מיר!

ח י י ם [צוזאמען מיט רב אלטערן].
אָבּער שכּורים זענען מיר!

ר בּ אַ ל ט ע ר.
וואָס מיר טהוען טהוען מיר,
אָבּער תּפילין לעגען מיר!

ח י י ם [צוזאמען מיט רב אלטערן]. אָבּער טאַנצען טאַנצען מיר! [שרייט]. לעבּעדיג, רבּ אַלטער! פּולקעס! שטאַרקער! שטאַרקער! קינדער! פיסלעך, קינדער!... [ער צעברעכט א טעלער. אלע שרייען „מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב!" פלוצים עפענט זיך די שטוב־טיר און עס באווייזט זיך פריהער דער מאדאם'ס נאז, נאכדעם די מ א ד א ם אליין].

נ י י ע נ ט ע ס צ ע נ ע.

מ אַ ד אַ ם [א פליעסק מיט די הענט]. אַ וויסטער, אַ פינסטערער, אַ ריינער, איין אומגליקליכער, אַ שוואַרצער, אַ שלים־מזל'דיגער מזל־טוב אויף אייערע קעפּ און אויף אייערע הענט און פיס און

ליב און לעבען!... אזא הולטאיקע, אזא פארשיווע אידינע, אזא סמארקאטע מויד! וואן פון מיין שטוב! [צו רב אלטערן]. און אט דער שלעפער וואס טהוט דא?

ר ב א ל ט ע ר [אנגעדרורעלט, פלאנטעט מיט דער צונג]. ש־ש־שלעפער, זאגט איהר? ווי קומט א איד צו זיין א שלע־פער? א איד איז קיי־קיי־קיינמאל ניט קיין שלעפער! קיי־קיינ־מאל ניט... און וואס איהר טרייבט מענטשען פון ש־ש־שטוב — מהכתיתי, טרייבט, טרייבט. נאר איין עולה איז דאס פון אייך... ווייסט איהר, פאר וואו־וואו־וואס? ס'איז היינט אנדערע יאהרען גאר... נישט דאס, וואו־וואס אמאל... איהר זאלט זעהען ביי מיר אין די ביכלעך... די צעצעליסטען זאגען... א קלאג צו אייער קאפ! דיזען, דאזען, דאס און יענס...

מ א ד א ם [צו חיים'ען]. און דו, שארלאטאן, וואס טהוסט דו דא? וואן פון דאנען!

ח י י ם [גאנץ עלעגאנט]. א דאנק פאר א קאמפלימענט! [די מאדאם לאזט זיך צו איהם מיטביידע הענט, וויל צונעמען די קינדער. חיים נעמט זי פאר א האנט, טהוט א וואונק צום איבעריגען עולם, און מע חאפט זי אריין אין רעדעל אריין און מע געהט מיט איהר א טענצעל. די מאדאם רייסט זיך מיט אלע כחות, נאר ס'איז אומזיסט: מע לאזט זי נישט ארויס פון קאהן]. רב אלטער! וואס שווייגט איהר? זאגט עפיס א גוט ווארט!

ר ב א ל ט ע ר [אויפגעלעבט, זינגט].

ס'איז היינט א נייע וועלט,
מע קוקט ניט אויף קיין געלט,
קיין גרויס, קיין קליין,
קיין מיאוס, קיין שען,
קיין ארעם און קיין רייך —
אלע זענען גלייך!...

א ל ע [זינגען און טאנצען].

קיין גרויס, קיין קליין,
קיין מיאוס, קיין שען,
קיין ארעם און קיין רייך —
אלע זענען גלייך!
אלע זענען גלייך!...

[די מאדאם רייסט זיך פון זייערע הענט און שעלט, נאר מע הערט ניט איהר קול. עס עפענט זיך די טיר און עס קוקט־אריין דערשראקען אין קיך אריין דער גאנצער עולם: הערען און דאמען, און חתן־כלה אויך בתוכם. אייניגע מיט קארטען אין די הענט. מע בלייבט שטעהן א ווילע פארגליווערט, איטליכער אין איין אנדער פאזע. — לאנגזאם פאלט דער פארהאנג].